בס"ד
חיי שרה תשפ"ד
גליון 164

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנְט מֶען וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. אַבְרָהָם אָבִינוּ בֶּעט פוּן זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל גֵיין זוּכְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק. גְלַייךְ וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אֲרַם נַהֲרַיִם, דֶערְצֵיילְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת "וַיֹּאמֶר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם", אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער דֶער הַאר פוּן מַיין הַאר אַבְרָהָם, שִׁיק מִיר דִי רִיכְטִיגֶע אוּן פַּאסִיגֶע כַּלָּה פַאר יִצְחָק. דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן רִבְקָה הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ דַאנְק פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן "וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר לֹא עָזַב חַסְדּוֹ.

אַמָאל אִיז אַ קְלֵיין אִינְגֶל גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֲיִתָּכֵן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מַיינֶע טֶעג מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן, בִּין אִיךְ וֶועגְן דֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?" אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי וַואנְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן רל"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְן אֲפִילוּ מִיט קִינְדֶער, אַרַיינְצוּגֶעבְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מְחַנֵּךְ זַיין וִויאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַרַיינְצוּלֵייגְן כּוֹחוֹת אִין דַאוֶוענֶען.

דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט נָאכְדֶעם "וַיֵּצֵא יִצְחָק












המשך פון זייט 1

לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב״ יִצְחָק אָבִינוּ אִיז אַרוֹיס אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אוֹיבֶערְשְׁטְן, פוּן דֶעם פָּסוּק לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען תְּפִלַּת מִנְחָה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָוארֶענֶען אַז ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן מִנְחָה, דַאווֶענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, אוּן חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דִי תְּפִלָּה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק ״וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב״ אַז יִצְחָק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף ״פַּחַד יִצְחָק״ אוֹיף מִדַּת הַגְּבוּרָה, דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי מִדַּת הַדִּין, בְּאֹפֶן פְּרָטִי אָדֶער בִּכְלָלִיּוּת, דַארְף עֶר פַארְמֶערְן אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן ״לָשׂוּחַ״ דָאס מֵיינְט ״הִתְבּוֹדְדוּת״ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל תְּפִלָּה מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַמְתָּקָה, וָואס קֶען מַמְתִּיק זַיין, זִיס מַאכְן אַלֶע דִּינִים מִיט גְּזֵרוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי ר׳ נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַז דִי גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט וֶוערְן פוּן ״יִצְחָק״ - וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גְּבוּרָה וֶועט וֶוערְן ״יִשְׂחָק״ וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף הַמְתָּקָה אוּן שִׂמְחָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין ״אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ״ עֶס וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט אוּנְזֶער מוֹיל מִיט גֶעלֶעכְטֶער. (מַתָּנָה ה׳ אוֹת מ׳) דִי גְמָרָא זָאגְט טַאקֶע אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת (פ״ט ב׳) אַז דִי לֶעצְטֶע גְאוּלָה וֶועט זַיין אִין זְכוּת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן דָאס דֶערְלֶעבְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**




המשך פון די לעצטע זייט

ווילַאנְג זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט צְווִישְׁן זִיךְ אִיז דִי פֵייגְל אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן... אוּן דֶער קֶענִיג אִיז גֶעבְּלִיבְּן זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעלָאזְט אוּן נִישְׁט גֶעשְׁנִיטְן דִי תְּבוּאָה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַלֶע סָארְטְן פַארְגֶענִיגְנְס, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁנֵיידְן דִי תְּבוּאָה - דָאס מֵיינְט מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן מִיט קְדוּשָּׁה פוּן יוּנְגֶעווייז אָן אוּן דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ רֵיינֶע מֹחַ. אָבֶּער לֵיידֶער וֶוערְט מֶען פַארְשְׁלֶעפְּט דוּרְךְ דִי אַלֶע פַארְגֶעגִיגְנְס, אוּן מֶען עֶסְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט זִיךְ אָן מִיט אוּמְרֵיינֶע זַאכְן [דָאס מֵיינְט תְּבוּאָה וָואס אִיז קַאלְיֶע] אוּן דֶער מֹחַ וֶוערְט קַאלְיֶע דוּרְךְ דִי זִינְד. אָבֶּער עֶס אִיז פָארְט נָאכְאַלְץ פַארְהַאן אַן עֵצָה מִיט אַ פֵייגְל - דָאס מֵיינְט דֶער צַדִּיק, וָואס דוּרְכְן פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת וָואלְטְן אַלֶע זִינְד גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוִוישְׁט, אָבֶּער דוּרְךְ מַחֲלוֹקֶת אוּן קִנְאָה, אַז יֶעדֶער וִויל זַיין הֶעכֶער פוּנֶעם חֲבֵר, דָאס בְּרֶענְגְט לֵיידֶער אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ אוּן מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְקַשֵּׁר מִיטְן צַדִּיק, וְדַי לְחַכִּימָא.

(כּוֹכְבֵי אוֹר - סִפּוּרִים נִפְלָאִים)




# אַ טָעוּת אינֶעם אַדְרֶעסס

*פָארִיגֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וואוּ אִיז דָאס פְּלַאץ אוּמַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דְרוּקֶער זָאל אִים אָפְּשִׁיקְן אַ בְּרִיוו קַיין אוּמַאן... יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:*

אַנְשְׁטָאט אִים צוּ גֶעבְּן דֶעם אַדְרֶעס פוּן גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט סִפְרֵי קוֹדֶשׁ, אַזַא וָואס עֶס וָואלְט זִיךְ דָארְט גֶעמַאכְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אַ בַּאזוּךְ פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע חָסִיד, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם אַדְרֶעס פוּן אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן פָּסוּלֶ'ע בִּיכֶער, וואוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן פְּלֶעגְן אִין נָארְמַאלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטְן דֶעם שְׁוֶועל. דֶערִיבֶּער, וֶוען דֶער פַארְקוֹיפֶער הָאט עֶרְהַאלְטְן דֶעם 'מָאדְנֶעם' בְּרִיוו, הָאט עֶר דָאס גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ זַייט מִיטְ'ן גֶעדַאנְק אַז בַּיים עֶרְשְׁטְן גֶעלֶעגְנְהַייט וֶועט עֶר דָאס אַוֶועקְוַוארְפְן אִין מִיסְט.

אָבֶּער פוּן הִימְל הָאט מֶען אַנְדֶערְשׁ צוּגֶעפִירְט. גֶעוֶוען אִיז דָאס אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח. דֶער בַּאקַאנְטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד ר' גֶעצֶע הָאט זִיךְ גֶענוֹיטִיגְט אִין אַ בִּינְטְל צִיצִית. רוֹב סְפָרִים גֶעשֶׁעפְטְן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט חוֹל הַמּוֹעֵד און נָאר דֶער גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעוֶוען אָפְן. עֶר גֵייט אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט, קְלוֹיבְּט אוֹיס אַ מְהוּדָּרְ'דִיגֶע בִּינְטְל צִיצִית און רִישְׁט זִיךְ צוּ בַּאצָאלְן, וִוילְנְדִיג זִיךְ וָואס פְרִיעֶר אַרוֹיסְדֶערְזֶען פוּן אַזַא אוּמְאוֹיסְגֶעהַאלְטְנֶעם אָרְט. צוּ זַיין שְׁטוֹינוּנְג וֶוענְדְט זִיךְ דֶער פַארְקוֹיפֶער צוּ אִים און דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן פוֹילְן וואוּ אַ אִיד בֶּעט מֶען זָאל אִים שִׁיקְן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים... אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט זִיךְ דֶער בְּרִיוו שׁוֹין גֶעפִינֶען אִין בְּרֶסְלֶבְ'ן קְלוֹיז אִין אוּמַאן.

דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים הָאבְּן שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט לֵיינֶענְדִיג דֶעם בְּרִיוו, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ תֵּיכֶף גֶעזֶעצְט צוּרִיק שְׁרֵייבְּן חִזּוּק בְּרִיוו צוּ ר' יִצְחָק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט קַיין לוּבְּלִין צוּזַאמֶען מִיט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער טָאג וָואס דִי פָּאסְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז בַּיי ר' יִצְחָק גֶעוֶוען וִוי אַ יוֹם טוֹב. דָאס מֶערְסְטֶע הָאט אִים בַּאנוּמֶען אֵיין שׁוּרָה וָואס דֶער חָסִיד ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי הָאט אִים גֶעשְׁרִיבְּן: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער מַחֲנֶה וֶועסְטוּ קֶענֶען אוּנְטֶערְשֵׁיידְן צְוִוישְׁן אֱמֶת און שֶׁקֶר"...

אויפְּ'ן קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט שׁוֹין ר' יִצְחָק אָנְגֶעיָאגְט אָנְצוּקוּמֶען קֵיין אוּמַאן, פוּן וואוּ עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶער מֶענְטְשׁ. מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען הָאט עֶר אָנְגֶעצִינְדְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס פַייעֶר אִין גַאנְץ פוֹילְן, און זַיין הַשְׁפָּעָה דֶערְקֶענְט זִיךְ נָאךְ אויף דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג.

# ר' בֶּן צִיּוֹן אַפְּטֶער (אַרְבֵּייטְמַאן)



**טַאטִי** אִיךְ וויל פָאהְרן מִיט דִיר צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער זֶעקְס יֶערִיגֶער בֶּן צִיּוֹן גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין טַאטֶע. דֶער טַאטֶע פוּן בֶּן צִיּוֹן אִיז גֶעוֶוען א וַוארֶעמֶער מוֹדְזִיצֶ'ער חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים פוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין דֶער כֹּחַ פוּן צַדִּיקִים, דֶער קְלֵיין בֶּן צִיּוֹן הָאט אַיינְגֶעזַאפְּט אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער אוּן עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִין אִים אַ ווִילְן אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, דֶער טַאטֶע הָאט אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט אוּן בַּאשְׁלָאסְן אַז בֶּן צִיּוֹן אִיז שׁוֹין גֶענוּג דֶערְוַואקְסְן צוּ קֶענֶען מִיטְקוּמֶען מִיט אִים אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע נְסִיעָה צוּם צַדִּיק.

דִי צַייט אִיז אַרִיבֶּער אוּן דֶער גְרוֹיסֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, בֶּן צִיּוֹן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלִיקְלִיךְ אוּן אִיבֶּערְרַאשְׁט צוּם מוֹדְזִיצֶ'ער רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶועלְכֶע בְּרָכָה ווִילְסְטוּ אִיךְ זָאל דִיר אָנְווִינְטְשְׁן?" בֶּן צִיּוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיפְן אָרְט: "אִיךְ וויל אַ בְּרָכָה, אִיךְ זָאל זַיין אַן עוֹבֵד ה' אוּן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם!"

"אַזוֹי?!" הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעווּינְטְשְׁן פוּן טִיפְן הַארְצְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, צוּ דֶעם הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶערָאטְן עֶר זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת ווייל 'מִשְׁנָה' אִיז אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה' דָאס מַאכְט לִיכְטִיג דִי נְשָׁמָה אוּן קֶען אִים זֵייעֶר הֶעלְפְן אִין זַיין הֵיילִיגְן ווִילְן.

גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אִיז בֶּן צִיּוֹן אַהֵיים גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן קֵיין חָכְמוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנָיוֹת, גֵייט מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת...! מִיט אַ תְּמִימוּת הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת אִין יֶעדֶע לֵיידִיגֶע מִינוּט וָואס עֶר נָאר גֶעהַאט, אַזוֹי וַוייט אַז בִּיז אַכְט חֳדָשִׁים הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט אוֹיסְנְוֵוינִיג גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אִים בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַ גוּט קֶעפְּל אוּן בֶּן צִיּוֹן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין הַצְלָחָה אִין תּוֹרָה אָבֶּער - יִרְאַת שָׁמַיִם? וָואס וֶועט זַיין? עֶר פִילְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט שׁוֹין יִרְאַת שָׁמַיִם... עֶר הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעלֶערְנְט צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל מוֹרָא אוּן פָארְכְט פוּנֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל

עוֹלָם, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג אָפְן מִיט זִיךְ אַלֵיין צוּ קֶענֶען מוֹדֶה זַיין אַז עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דָאס וָואס עֶר הָאט דֶערְוַוארְטֶעט. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט בֶּעטְן דֶעם טַאטְן צוּ פָּארְן נָאכְאַמָאל צוּם רֶבִּי'ן אִים פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן.

בֶּן צִיּוֹן וָואס אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל עֶלְטֶער גֶעוָוארְן אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען צוּם מוֹדְזִיצֶ'ער רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָבֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז עֶר נָאךְ וַוייט... דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט עֶר זָאל פָּארְזֶעצְן צוּ לֶערְנֶען אוּן מַאכְן שִׁעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּדֶערְצוּ אִים פָּארְגֶעשְׁלָאגְן עֶר זָאל לֶערְנֶען אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ".

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, בֶּן צִיּוֹן אִיז קוֹבֵעַ נָאךְ שִׁעוּרִים אוּן לֶערְנְט מִיט פְלַייסִיגְקַייט, אוּן אוֹיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ לֶערְנְט עֶר אַסַאךְ אָבֶער - יִרְאַת שָׁמַיִם? וָואס וֶועט זַיין מִיט זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם? עֶר פִילְט נָאךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם צִיטֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר לֶערְנְט אוּן אִיז מְקַיֵּים אַלֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים אָבֶער עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה, וַוייל יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט... "וָואס בִּיסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע קִינְדֶער אִין דַיין עֶלְטֶער?!" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט פַארְוואוּנְדֶערְט, "אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען דָא אוּן בֶּעטְן יְשׁוּעוֹת אִין זֵייעֶרֶע פְּרָאבְלֶעמֶען מִיט חֲבֵרִים, מִיט אָרֶעמְקַייט, מִיט שְׁוֶוערִיגְקַייטְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גוֹיִם אַרוּם זֵיי, אָבֶער קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַזַא זַאךְ וִוי עֶרְלִיכְקֵייט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם???!" בֶּן צִיּוֹן הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ זָאגְן, 'אֶפְשָׁר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער שׁוֹין יִרְאֵי שָׁמַיִם בֶּאֱמֶת... וָואס זָאל עֶר טוּן אַז עֶר אִיז אָבֶער זֵייעֶר וַוייט אוּן עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם?' שׁוֹין הָאט אִים דֶער רֶבִּי וִוידֶער אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן עֶר זָאל לֶערְנֶען אִינֶעם סֵפֶר "רֵאשִׁית חָכְמָה" וַוייל אִין דֶעם סֵפֶר וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים אוּן שְׁטְרָאפְן וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען טוּט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער יִרְאַת הָעוֹנֶשׁ הֶעלְפְן דָאס קִינְד מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.



בֶּן צִיּוֹן וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְס אַ יוּנְגֶער בַּר-מִצְוָה בָּחוּר'ל הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "רֵאשִׁית חָכְמָה" מִיט עֶרְנְסְטְקַייט, עֶס הָאט אַסַאךְ צוּגֶעגֶעבְן אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נָאךְ גֶעפִילְט וַוייט פוּן זַיין אֱמֶתֶ'ער רָצוֹן... יִרְאַת שָׁמַיִם...! 'וָואס טוּט מֶען אִיךְ הָאב נָאכְנִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם...?'

וִוידֶער אִיז בֶּן צִיּוֹן גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן דָאסְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּקְט פַארְוואוּנְדֶערְט, "וָואס עֶפֶּעס הֶעלְפְט דִיר

נִישְׁט קֵיין שׁוּם עֵצָה? אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר דִי לֶעצְטֶע עֵצָה," הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ דָאס הֶעלְפְט דִיר נִישְׁט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֵיין שׁוּם עֵצָה פַאר דִיר..." "ס'אִיז דָא אַ סֵפֶר," הָאט דֶער רֶבִּי פָארְגֶעזֶעצְט "עֶס אִיז אַבִּיסְל זֶעלְטְן צוּ גֶעפִינֶען, דֶער סֵפֶר רוּפְט זִיךְ 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוֹיבּ וֶועסְטוּ קֶענֶען שַׁאפְן דֶער סֵפֶר אוּן לֶערְנֶען אִין דֶעם קֶען עֶס דִיר אַסַאךְ צוּגֶעבְּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם."

בֶּן צִיּוֹן אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר אַלְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת אוּן רְצוֹנוֹת... הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְזוּכְן דֶעם סֵפֶר, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אוֹיף זַיין לֶעצְטֶע הָאפֶענוּנְג, וואו עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזוּכְט דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, בִּיז בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן. עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען אִין דֶעם מִיט אִינְטֶערֶעס אוּן צוּ זַיין גְרוֹיס וואוּנְדֶער הָאט עֶר דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ נַייעֶ וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס עֶר הָאט נָאךְ קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעהֶערְט, 'מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִין וַואלְד', 'רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי צוּ אַן אֶמֶת'ער גוּטֶער פְרַיינְד...' בְּעִקָּר הָאט אִים גֶעכַאפְּט דִי עֵצוֹת פוּן שִׂמְחָה, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע דַּעַת צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט נָאר עֶפֶּעס אַ גוּטֶער גֶעפִיל, שִׂמְחָה אִיז אַ מִצְוָה! 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' הָא, אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים! עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן אַ לוֹיטֶערֶע הֵיילִיגֶע גֵייסְט הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דִי וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעם אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְשְׁפִּירְן עֶפֶּעס עֶפֶּעס אַ מוֹרָא פוּנֶעם בּוֹרֵא, אַ טְרִיט נֶענְטֶער, אַ שְׁטַאפְּל הֶעכֶער אִין זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!

דָאס אִיז דָאס, אִיז גֶעוֶוען קְלָאר פַאר בֶּן צִיּוֹן אָן קַיין שׁוּם וִוינְקְל פוּן אַ סָפֵק, דָאס אִיז מַיין וֶועג! עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אִין אָנְפַאנְג וואו עֶר הָאט גֶעזֶען אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דָאס וָוארְט צַדִּיק, צוּם בַּיישְׁפִּיל: 'אַז מֶען דַארְף פָארְן צוּם צַדִּיק' אָדֶער 'פָאלְגְן אַ צַדִּיק,' הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען זַיין רֶבִּי, אוּן הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דֶעם, זַייעֶנְדִיג אַ מוֹדְזִיצ'עֶר חָסִיד וָואס לֶערְנְט אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן... דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תּוֹרוֹת אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס דָארְט רֶעדְט דֶער רֶבִּי וָואס עֶס מֵיינְט אַן אֶמֶת'ער צַדִּיק, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע מָאל דִי תּוֹרָה אוּן דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִיכֶער דֶער צַדִּיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט מְגַלֶּה זַיין אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע תּוֹרוֹת אוּן הָאט אַ הַשָּׂגָה אִין גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִּיקִים - עֶר אִיז זִיכֶער דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין דֶעם סֵפֶר, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר ווִיל זַיין אַ חָסִיד אוּן אַן אֶמֶת'ער תַּלְמִיד פוּן דֶעם בַּעַל הַלִּיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין דֶערְוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְיגָא אוּן פוּן דֶעמָאלְס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוואוּסְט זִיךְ אָנְצוּרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד...!

*- הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם -*

בעזהשי"ת

אלע קינדער וואס לערנען אין כתה ה' און האבן געמאכט
די בחינות פון פאריגע וואך פרשת וירא חיבר 4

באקומען א מתנה ביי די טייערע משגיחים
ר' יואל יאראוויטש הי"ו אדער ביי ר' משה געפנער הי"ו

ווייל א חשוב'ער אינגל כמר נתן אנשין פון כתה ה' האט געווינען איז ער מזכה אלע זיינע
שותפים פון כתה ה' וואס האבן געענטפערט די בחינות.

טוב שכן טוב!

נאכן באקומען די מתנה קלינג אריין אין טעל-ליין און לאז איבער אין קנעפל 7 א דאנק
פאר נתן'לע אנשין.

| | | |
|---|---|---|
| **הר"ר יעקב יוסף איגל הי"ו**<br>**לרגל נישואי בתו למזל טוב** | **הר"ר יצחק וועבערמאן לרגל ארוסי בתו**<br>**עם החתן כמר מרדכי ני"ו**<br>**בן הר"ר אברהם יעקב בירנהאק הי"ו** | **הר"ר יונה אנשין הי"ו**<br>**לרגל הולדת בתו למזל טוב** |

# סיפורי מעשיות
# מעשה ג' - דער היגר 5

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'חָכָם'! - אוּן דֶער 'קֵיסָר' פוּן דֶער 'מְדִינָה' [וואוּ דֶער 'חָכָם' הָאט גֶעוואוֹינְט], אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'אַפִּיקוֹרֶס'! אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע 'מְדִינָה' פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים'!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'חָכָם' - אוּן הָאט גֶערוּפְן דִי 'גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה' זַיינֶע, אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעהְט דָאךְ: אַז דֶער 'קֵיסָר' אִיז אַ 'גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס', אוּן הָאט גֶעמַאכְט דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה' פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים' - אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער 'מִשְׁפָּחָה', הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים'. בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]: לָאמִיר זִיךְ אַוֶועקְלָאזְן אִין דֶער 'מִדְבָּר', כְּדֵי

מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער 'אֱמוּנָה' אִין 'גָאט בָּרוּךְ־הוּא'"! – זֶענֶען זֵיי מְרוּצֶה [בַּאווִילִיגְט] גֶעוָוארְן דֶערוֹיף. הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט אַ [גֶעווִיסֶע] 'שֵׁם' [פוּן דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת], הָאט עֶס זֵיי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] צוּ אַ 'מִדְבָּר'! – אִיז אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְן דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר'!

הָאט עֶר ווִידֶער גֶעזָאגְט אַ 'שֵׁם', הָאט עֶס זֵיי אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן צוּ אַ 'אַנְדֶערֶע מִדְבָּר'! – אִיז אִים דִי '[דָאזִיגֶע אַנְדֶערֶע] מִדְבָּר' אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן. הָאט עֶר נָאךְ [נָאכְאַמָאל] גֶעזָאגְט אַ 'שֵׁם', הָאט עֶס זֵיי ווִידֶער גֶעבְּרַאכְט צוּ אַ 'אַנְדֶערֶע מִדְבָּר'! – אִיז דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר' אִים יָא גֶעפֶעלְן! – אוּן דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר', אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ דִי 'צְוֵויי־טוֹיזְנְט בֶּערְג'. אִיז דֶער '[דָאזִיגֶער] חָכָם' גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעמַאכְט אַ 'עִיגוּל' (כְּלוֹמַר: אַרוּמְגֶעקְרֵייזְט [אַרוּמְגֶערִינְגְלְט]) אַרוּם זֵיי – אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען] צוּ זֵיי!

[ב] אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'בּוֹים' – וָואס אַז מְ'זָאל דֶעם '[דָאזִיגְן] בּוֹים' אָנְטְרֶענְקְן, וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיְינוּ: פוּן דִי 'שֵׁדִים'), גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז, וָואס זֵיי גְרָאבְּן [דִי עֶרְד אַרוּם דֶעם 'בּוֹים'] 'טָאג' אוּן 'נַאכְט', אוּן לָאזְן נִישְׁט צוּ קַיין 'וַואסֶער' צוּ דֶעם 'בּוֹים'!

הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער 'אַנְדֶערֶער' [דֶער 'שְׁלִיחַ' פְרֶעגְט פוּנֶעם 'וָואלְקְן']: "נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין 'טָאג' אוּן 'נַאכְט' אוּן גְרָאבְּן? – אַ־מֶער, ווִי [ווִיבַּאלְד] מְ'גְרָאבְּט אָפּ אֵיינְמָאל [אַרוּם דֶעם 'בּוֹים'], אַז דָאס 'וַואסֶער' זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען [צוּם 'בּוֹים'], אִיז [דָאךְ] שוֹין גֶענוּג"?!

הָאט עֶר [דֶער 'וָואלְקְן'] אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווִי] עֶס אִיז בַּיי אוּנְז [צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים] פַארְהַאנְדְן 'מְדַבְּרִים' (כְּלוֹמַר: 'רֶעדֶערְס' [וָואס רֶעדְן אַגַאנְצֶע צַייט])! – אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מְדַבְּרִים', גֵייעֶן אוּן מַאכְן קְרִיג, צְווִישְׁן 'דֶעם מֶלֶךְ' אוּן צְווִישְׁן 'דֶעם [אַנְדֶערְן] מֶלֶךְ'! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט 'מִלְחָמוֹת'! – אוּן דוּרְךְ דִי 'מִלְחָמוֹת', וֶוערְט 'עֶרְד־צִיטֶערְנִישׁ'! – [בְּמֵילָא דוּרְכְדֶעם] פַאלְט אַיין דִי 'עֶרְד' וָואס [אִיז] אַרוּם דֶעם [פְּלַאץ פוּנֶעם גְרָאבְּן]! – [בְּמֵילָא דוּרְכְדֶעם] קֶען קוּמֶען [צוּקוּמֶען] 'וַואסֶער' צוּם 'בּוֹים'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרָאבְּן [ווִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט]"!

[ג] [דֶערְצֵיילְט דֶער 'וָואלְקְן' וַוייטֶער:] אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ 'מֶלֶךְ' צְווִישְׁן אוּנְז [בַּיי דִי שֵׁדִים], מַאכְט מֶען פַאר אִים 'כָּל הַלֵיצָנוּת' [אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת], אוּן מְ'אִיז פְרֵיילֶעךְ! – דֶער [שֵׁד] שְׁפֶּעט: "ווִי עֶר הָאט מַזִיק גֶעוֶוען אַ 'קִינְד', אוּן ווִי דִי 'יוֹלֶדֶת' טְרוֹיעֶרְט דֶערוֹיף"! – אוּן דֶער [אַנְדֶערֶער שֵׁד] וַוייזְט אַ אַנְדֶער 'לֵיצָנוּת'! – אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] כַּמָה עֶרְלֵיי 'לֵיצָנוּת'!

אוּן אַז דֶער 'מֶלֶךְ' קוּמְט אִין [דִי] 'שִׂמְחָה' אַרַיין [עֶר וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ] – גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן פְּרוּבְּט זִיךְ אוֹיסְרַייסְן דֶעם 'בּוֹים'! – וָוארְן אַז דֶער 'בּוֹים' זָאל גָארְנִישְׁט זַיין [בִּכְלַל], וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס 'הַארְץ' זֵייעֶר,

כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיסְרַייסְן דֶעם 'בּוֹים' אִינְגַאנְצְן!!
– וִוי [נָאר] עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים, טוּט [דַאן] דֶער 'בּוֹים', אַ גְרוֹיסְן גֶעשְׁרֵיי! – אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים [דֶער מֶלֶךְ] אַ 'פַּחַד'! – מוּז עֶר זִיךְ אוּמְקֶערְן!

[ד] [דֶערְצֵיילְט דֶער 'וָואלְקְן' וַוייטֶער:] אַמָאל אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר 'מֶלֶךְ' בַּיי אוּנְז (דְהַיְינוּ: בַּיי [דִי] 'שֵׁדִים' – וָוארְן דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער 'וָואלְקְן' צוּ דֶעם 'שְׁלִיחַ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הָאט מֶען פַאר אִים גֶעמַאכְט 'גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גְרוֹיס 'שִׂמְחָה' – אוּן הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'שְׁטַארְק הַארְץ' זַייעֶר – אוּן הָאט גֶעוָואלְט: "אוֹיסְרַייסְן דֶעם 'בּוֹים', גָאר אִינְגַאנְצְן"!

אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע 'שָׂרִים' – אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דָאס 'הַארְץ', אוּן אִיז צוּגֶעלָאפְן אוֹיסְרַייסְן דֶעם 'בּוֹים' אִינְגַאנְצְן! וִי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם 'בּוֹים' – הָאט עֶר [דִי בּוֹים] אוֹיף אִים [אוֹיפְן מֶלֶךְ], אַ גְרוֹיסְן גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן! – אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן אַ 'פַּחַד'! – הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט, אוּן אִיז גֶעוֶוען אִין גְרוֹיס 'כַּעַס', אוּן אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען.

[ה] דֶערְוַוייל הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער 'נֵייעֶר מֶלֶךְ'] אַ קוּק גֶעטָאן, הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: 'מֶענְטְשְׁן' זִיצְן! (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'חָכָם' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן). הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט [עֶטְלִיכֶע] פוּן זַיינֶע 'לַייט' [דִי שֵׁדִים]: "אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּהְן"! (דְהַיְינוּ: מַזִיק זַיין זֵיי, אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז [אַלֶעמָאל]).

וִוי דִי 'מִשְׁפָּחָה' פוּן דֶעם 'חָכָם', הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן [דִי 'שֵׁדִים'] – אִיז אוֹיף זֵיי גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'! – הָאט זִיךְ דֶער 'זָקֵן' (דְהַיְינוּ: דֶער 'חָכָם' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "שְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט"!

וִוי דִי 'שֵׁדִים' זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען [צוּם 'חָכָם' מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן] – הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען צוּ זֵיי], מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'עִיגוּל' וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גֶעוֶוען!

הָאט עֶר [דֶער 'מֶלֶךְ'] גֶעשִׁיקְט אַנְדֶערֶע 'שְׁלוּחִים' – הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען צוּ זֵיי] ! אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעקוּמֶען אִין גְרוֹיס 'כַּעַס' אַרַיין, אוּן אִיז אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען צוּ זֵיי]!

הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם 'זָקֵן' [דֶער 'חָכָם']: "אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן אַרַיינְגֵיין צוּ זֵיי"! – הָאט אִים דֶער 'זָקֵן' גֶעזָאגְט: "וַוייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ, וֶועל אִיךְ דִיךְ יָא אַרַיינְלָאזְן! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער אַזוֹי־וִוי] עֶס אִיז קַיין שְׁטֵייגֶער נִישְׁט, אַז אַ 'מֶלֶךְ' זָאל אַלֵיין גֵיין, עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיינְלָאזְן, נָאךְ מִיט אֵיינֶעם [מִיט נָאךְ אֵיינֶעם]"! – הָאט עֶר [דֶער 'זָקֵן'] זֵיי גֶעעֶפְנְט אַ 'טִירְל', זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן הָאט וִוידֶער פַארְשְׁלָאסְן דֶעם 'עִיגוּל'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט צוּם 'זָקֵן': "וִוי קוּמְסְטוּ זִיךְ [צוּ] זֶעצְן אוֹיף מַיין אָרְט"?! – הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט? עֶס אִיז מַיין אָרְט"!

זָאגְט דֶער 'מֶלֶךְ' צוּם 'זָקֵן': "דוּ הָאסְט פַאר מִיר קַיין מוֹרָא נִישְׁט"?! – זָאגְט עֶר [דֶער 'זָקֵן']: "נֵיין"! – זָאגְט עֶר וִוידֶער [דֶער 'מֶלֶךְ']: "דוּ הָאסְט קַיין מוֹרָא נִישְׁט"?! – אוּן [דֶער 'מֶלֶךְ'] הָאט זִיךְ

אוֹיסְגֶעצוֹיגְן, אוּן אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין [דִי] הִימְל – אוּן הָאט אִים גֶעוָואלְט אַיינְשְׁלִינְגְן! – זָאגְט [אִים] דֶער 'זָקֵן': "אִיךְ הָאבּ פָּארְט קַיין מוֹרָא גָארְנִישְׁט פַאר [פוּן] דִיר! – נָאר אַז אִיךְ וִויל, וֶועסְטוּ פַאר מִיר יָא מוֹרָא הָאבְּן"!

אוּן [דֶער 'זָקֵן'] אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען – אִיז גֶעוָוארְן 'גְרוֹיסֶע וָואלְקְנְס', אוּן סֶע [סְ'אִיז] גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע 'דִינֶערְן' – אוּן דֶער 'דִינֶער' הַרְגֶ'עט זֵיי זַייעֶר אוֹיס [דִי 'שֵׁדִים']!

זֶענֶען גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן אַלֶע זַיינֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה' וָואס זֶענֶען מִיט אִים גֶעוֶוען [מִיטְן דָאזִיגְן 'מֶלֶךְ' פוּן דִי 'שֵׁדִים']! – אוּן סֶע [סְ'אִיז] מֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאר דֶעם 'מֶלֶךְ', מִיט דֶעם 'אֵיינֶעם' וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶעם 'עִיגוּל'! – הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם 'זָקֵן'): "אַז דֶער 'דִינֶער' זָאל אוֹיפְהֶערְן"! – הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט [דֶער דִינֶער]!

[ו] הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'זָקֵן: "אַז דוּ בִּיזְט יָא אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ – וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקְן, אַ 'סֵפֶר', פוּן אַלֶע 'מִשְׁפָּחוֹת' פוּן דִי 'שֵׁדִים'! – וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן 'בַּעֲלֵי־שֵׁמוֹת' [בַּעַל־שֵׁם'ס], וָואס זֵיי וֵוייסְן מֶער נִישְׁט, נָאר פוּן אֵיין 'מִשְׁפָּחָה'. אוּן אֲפִילוּ דִי [דָאזִיגֶע] 'מִשְׁפָּחָה' [וָואס זֵיי וֵוייסְן יָא], וֵוייסְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן! – אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ 'סֵפֶר', וָואס דֶערִינֶען שְׁטֵייעֶן 'אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת' – וָוארְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ', זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן – אוּן אֲפִילוּ וֶוער סְ'וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, וֶוערְט אוֹיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ'".

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט דֶעם 'אֵיינֶעם' וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גֶעוֶוען [אִינֶעם 'עִיגוּל'], נָאךְ דֶעם 'סֵפֶר'! (נִמְצָא [קוּמְט־אוֹיס]: הָאט עֶר זַייעֶר רֶעכְט [רִיכְטִיג] גֶעטָאן, [אוֹיף] וָואס עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעלָאזְט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם [מִיט נָאךְ אֵיינֶעם] – וָוארְן זוּסְט [וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט], וֶועמֶען וָואלְט עֶר [דַאן] גֶעשִׁיקְט)! – הָאט עֶר אִים גֶעבְּרַאכְט דָאס 'סֵפֶר'! הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דָאס 'סֵפֶר' – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, עֶס שְׁטֵייט דֶערִינֶען: "אֶלֶף־אֲלָפִים וְרִבֵּי־רְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער, פוּן] זַייעֶרֶע 'מִשְׁפָּחוֹת'"!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' צוּגֶעזָאגְט [מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר] דֶעם 'זָקֵן': "אַז זֵיי זָאלְן [וֶועלְן] קַיינְמָאל נִישְׁט מַזִיק זַיין, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם 'זָקֵן'"!

אוּן [דֶער מֶלֶךְ] הָאט גֶעהֵייסְן [פַארְן זָקֵן]: "[אַז מְ'זָאל אִים] בְּרֶענְגֶען, אַלֶע 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] פוּן זַיין [דֶעם זָקֵן'ס] 'גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה' – אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַ 'קִינְד', זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין 'פַּאטְרֶעט' – כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער 'מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן'"!

[ז] דֶערְנָאךְ, אַז סֶע [סְ'אִיז] גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם 'זָקֵן', אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין [נִסְתַּלֵק וֶוערְן] פוּן דֶער וֶועלְט – הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע 'קִינְדֶער', אוּן הָאט זֵיי 'צַוָואָה' גֶעלָאזְט, אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גֶעזָאגְט: "אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס [דָאזִיגֶע] 'סֵפֶר' – אוּן אִיר זֶעהְט דָאךְ, אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּנִיצְן מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'סֵפֶר' בִּקְדוּשָׁה – אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט, נָאר אִיךְ הָאבּ 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ'! – זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן! – אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה, זָאל עֶר פָּארְט דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן, נָאר עֶר זָאל הָאבְּן 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

נאָמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## בחינה אויף סיפורי מעשיות

### די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (5)

**א. ווער דערציילט די מעשה פון דעם חכם - זקן ? פאר וועמען?**
- ❑ דער מלך צו דער וואלקן
- ❑ דער שליח צו דעם מלך
- ❑ דער וואלקן צו דעם שליח

**ב. וואס האט ער געמאכט די גאנצע מדינה?**
- ❑ פאר חכמים
- ❑ פאר גרויסע חכמים
- ❑ פאר אפיקורסים

**ג. צו וואו, וויל זיך דער חכם אוועקלאזן? און פארוואס?**
- ❑ אין א אנדערע שטאט, צו האבן וואס צו עסן
- ❑ אין א אנדערע שטאט, נישט צו ווערן גע'הרג'עט
- ❑ אין מדבר, כדי צו בלייבן ביי אונזער אמונה

**ד. וואס האט דער חכם געמאכט אז מ'זאל נישט קענען צוטרעטן צו זיי?**
- ❑ א גרויסער מויער
- ❑ א עגול ארום זיי
- ❑ ער איז אריין אין א פאלאץ

**ה. וואס וואלט געשען ווען מ'טרונקט אן דעם בוים?**
- ❑ וואלט פון די שדים גארנישט געבליבן
- ❑ וואלטן די שדים משוגע געווארן
- ❑ וואלטן די שדים באקומען כח

**ו. פארוואס איז נישט גענוג אז מ'גראבט איין מאל ארום דעם בוים?**
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, ווערט ערד ציטערנישן, פאלט די ערד ארום דעם גראבן, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל ס'קומט א גאנצן צייט וואסער פון טייך

**ז. פארוואס איז ער נישט מצליח צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ❑ ווייל ס'איז זייער א שטארקער בוים
- ❑ ווייל מ'נעמט אים צו די כח
- ❑ ווייל די בוים געבט א געשריי פאלט אויף אים א גרויסע פחד

**ח. וואס האט דער מלך געטון צו ווייזן זיין כח?**
- ❑ ער איז געווארן א וואלקן
- ❑ ער האט ארויס גענומען א גרויסע שווערד
- ❑ ער איז געווארן זייער גרויס ביז אין די הימל

**ט. וואס האט דער חכם געטון?**
- ❑ ער האט ארויס געטראגן דעם מלך פון דעם עיגול
- ❑ ער האט זייער מורא געהאט און זיך מכניע געווען
- ❑ ער האט אביסל מתפלל געווען זענען גע'הרג'עט געווארן די שרי מלוכה

**י. וואס האט דער מלך געזאגט פאר דעם זקן ?**
- ❑ ער זאל אוועק גיין פון דעם פלאץ
- ❑ אז ער האט נישט מורא
- ❑ ער האט אים צוגעזאגט אז זיי וועלן קיינמאל נישט מזיק זיין, זיין גאנצע משפחה

טיפער געטראכט



**וועלכע ענין וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה האט דער רבי געזאגט "ביי די וועלט איז עס א קליינע זאך און ביי מיר איז עס א גרויסע זאך"?**

**תשובות אויף פאריגע וואך: וואו נאך ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות דאס ווארט מכשפים? מעשה ה': און ער האט גערופן די מכשפים.**

**וועלכע ענין וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה האט דער הייליגער רבי זיך געהייסן מרחק זיין? ליצנות, דאקטוירים.**

**דער געווינער אויף 'דער חיגר' 4 איז הילד החשוב נתן אנשין, בית שמש טעלעפאן אין שטוב ענדיגט זיך 6401 דער געווינער אויף טיפער געטראכט איז הילד הח' שמעון יארבלום**

**די מתנה קען מען נעמען ביים משגיח ת"ת ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

אײנמאָל איז געװען אַ קעניג, דער קעניג איז געװען אַ שטערן-זעער, און האָט געזען אַז אויב מען װעט נישט שנײַדן די תּבוּאָה בּיז צו אַ באַשטימטע צײַט װעלן אַלע תּבוּאָה װערן פאַרדאָרבּן, און די צײַט איז שוין געװען זײער נאָנט. האָבּן אים זײַנע עצה-געבערס צוגערעדט צו נעמען פעלד אַרבּעטער צו שנײַדן, און זײ געבּן אַלע תּענוּגים און אַלע זײערע געבּרויכן, זײ זאָלן זײַן פרײַ צו קענען אַרבּעטן טאָג און נאַכט און אָניאָגן צו שנײַדן די תּבוּאָה בּעפאָר עס קומט אָן דער דאָזיגער צײַט.

די אַרבּעטער האָבּן זיך אָבּער געלאָזט װאוילגײן מיט די אַלע תּענוּגים, און פאַרגעסן דעם קעניג'ס באַפעל, די באַשטימטע צײַט איז אַריבּער און די תּבוּאָה איז נישט געװאָרן געשניטן, פאַרשטײט זיך אַז אַלע תּבוּאָה איז קאַליע געװאָרן.

די אַרבּעטער האָבּן נישט געװאוסט װי זיך אַהין צו טון, דער קעניג װעט דאָך זײַן אויף זײ זײער אויפגעבּרויזט. האָט זײ אַ קלוגער מענטש געגעבּן אַן עצה, אַז װיבּאַלד דער

## די פאַרדאָרבּענע תּבוּאָה מיטן פויגל

קעניג האָט זײער ליב עפּעס אַ ספּעציעלע פײגל, אַז מען װעט אים בּרענגען די פויגל, װעט ער האָבּן אַזאַ נחת-רוּח און פאַרגעניגן דערפון, אַז ער װעט זײ מוחל זײַן פאַרן זיך פאַרזינדיגן מיט די תּבוּאָה. אָבּער צו טרעפן אַזאַ פײגל קומט בּכלל נישט אָן גרינג, װײל זי געפינט זיך אויף גאָר אַ הויכער בּוים, קײן לײטער האָבּן זײ נישט פאַרמאָגט, און דער טערמין איז זײער נאָנט.

װידער גיבּט זײ דער חכם אַן עצה, אַז װיבּאַלד זײ זענען געװען אַסאַך מענטשן, זאָל זײ זיך שטעלן אײנער אויפן צװײטן, אַזוי װעט מען דערגרײכן דעם פײגל. האָט זיך בּאַלד אָנגעהויבּן אַ קריגערײַ אײנער מיטן צװײטן, קײנער פון זײ איז נישט געװען גרײט צו שטײן פון אונטן אַז דער חבר זאָל זײַן העכער אים, האָבּן זײ װידער נישט געקענט אָנקומען צום פויגל, האָבּן זײ באַשלאָסן אַז מען מוז גײן לויטן סדר - װער עס איז מער פאַסיג װעט זײַן פון די העכערע, און דער לעצטער װעט בּרענגען די פויגל פאַרן קעניג.

אויך אויף די זאַך - אַז דער לעצטער װעט בּרענגען דאָס פויגל פאַרן קעניג האָט זיך אָנגעהויבּן אַ רײבערײַ װײל אַלע האָבּן געװאָלט זײַן דער העכסטער און די אַנדערע חבירים זאָלן זײַן פון אונטער זײ. אָבּער...

המשך אויף זייט 2